דעם 18טן סעפטעמבער 1967

ליבער אברהם,

ס'איז שווער דיר צו שרייבן. דו האלטסט ניט אן דעם קאנטאקט און פארליר דעם השק צו קארעספאנדירן מיט דיר. דערצו זיינען אזוי פיל זאכן פארגעקומען זינט איך האב דיר צום לעצטן מאל געשריבן (א בריוו וואס וואלגערט זיך מסתמא ארום צווישן ניו-יארק און מאנטרעאל, אן א תיקון, ווי פרצעס נשמה אין "די דריי מתנות"). איך קען דיר נאר געבן ראשי פרקים.

איך טרעף זיך דא מיט שרייבערס און קולטור-טוערס. מיט דוב סדן און מיט פראפ' חנא שמערוק. מיט גראס-צימערמאן, יחיאל האפער, יאנאס טורקאוו (אן ארטיסט, אידא קאמינסקאס ערשטער מאן), מיט משה יונגמאן און מיט פאפיערניקאוון. מיט רעדאקטארן פון יידישע און העברעישע זשורנאלן. און סתם מיט פשוטע מענטשן--קרובים, פריינד, סטודענטן און פראסטאקעס. מיינע איינדרוקן זיינען פארשיידנארטיק. דוב סדן איז א גאון. שמערוק איז א פארביסענער עקסטרעמיסט (אן אנטי-יידעשיסט וואס באקומט זיין פרנסה פון יידישער ליטעראטור). בדרך כלל זיינען די מענטשן פון עלטערן דור גאר וואזשנע פערזענלעכקייטן, יעדער מיט זיין מיינונג און מיט זיין וועלטבאנעם. להיפוך דער יינגערער דור פון אינדאקטרינירטע, ענג-נאציאנאליסטישע, אנטי-אינטעלעקטואליסטן. ווען זיי רעדן מיט דיר, ווילן ניט הערן דיין מיינונג, נאר ווילן דיך איבערצייגן אז זיי זיינען גערעכט. אז יעדער ייד מוז קענען שיסן ("מארגן לערן איך זיך שיסן" האט געזאגט מיט שטאלץ א 15 יאריק מיידל וואס שרייבט העברעישע לידער). אז נאר אין ישראל האט דאס יידיש פאלק א קיום. זיי קוקן ארויס אויף נייע "עולים" און האבן פיינט א פרעמדן מענטשן. איך האב מורא אז מיר רעדן צוויי באזונדערע שפראכן און אז מיר וועלן זיך קיין מאל ניט פארשטיין איינער דעם אנדערן. עס פאלט אן א פחד ווען מע זעט ווי קינדער וואס קומען פון אין גאנצן פארשיידנטארטיקע היימען ווערן פארמירט אויפן זעלבן אופן און קומען ארויס אידענטיש. ס'איז א קליין לאנד ווו אלע האבן א סך דורכ-געלעבט צוזאמען. דעריבער איז די יוגנט א קליקע. זי קען ניט קיין אנדער לעבן. די צייטונגען שרייבן נאר וועגן ישראל און וועגן מיטעלן-מזרח. די ראדיא שפילט נאר אמעריקאנער "ראק-ען-ראל" (א חוץ ערשט-קלאסיקע קאנצערטן אין אוונט). זיי פאדערן אז דו זאלסט זיין פונקט ווי זיי, אניט אנארקענען זיי דיר ניט ווי א גלייכער. עס דערמאנט מיר זייער א בוך וואס איך האב געלייענט וועגן דעם קליינעם שטעטל אין דער אמעריקאנער געזעלשאפט. דארטן איז אויך ניט פאראן קיין ארט פאר "פרעמדע עלעמענטן" כאטש אלע איינוווינערס זיינען אליין אימיגראנטן אדער די זין פון אימיגראנטן. שמערוק זאגט מיר אז דער יוגנטרוף איז א ברכה לבטלה און ער גיט מיר אן אנצוהערעניש אז אין ישראל וועל איך ניט געפינען קיין ארבעט לערנענדיק יידיש. עס ליגט א מוראדיקער תהום צווישן דעם סאברא-דור אונעם דור פון גלות. אפילו ביי שמערוקן אין דער היים, וואס ער האלט זיך שוין פאר א פארהאר-טעוועטער תושב, מוז ער זיך היטן פאר יעדעס ווארט, אניט וועלן אים באפאלן און אים אפלאכן זיינע צוויי טעכטער. משה יונגמאן איז א צדיק א ייד, און זיין טאכטער איז א העברעישע שיקסע. נאר ביי ראכמאנען האב איך געפונען קינדער וואס זיינען א המשך פון די עלטערן, אבער די טאכטער לערנט זיך שיסן, ווייל אן א ביקס אין האנט גייט עס ניט. א פעדער אין איין האנט און א ביקס אין דער צווייטער. א גוטע טעמע פאר א סאוועטישן רעאליזם מאלער. דאס ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בליי. א גרופע סטודענטן מיט אן אינטערעס פאר יידיש. מע שאפט א יוגנטרוף-קאמיטעט. אויפן העכסטן ניווא. ס'רוב האבן געלערנט יידיש און יידישע ליטעראטור און קומען מיט א קולטורעלן באגאזש. מע קלייבט זיך ארויסצוגעבן דעם זשורנאל, דעם צענטן נומער ,הייסט עס, דא אין לאנד. א בשותפותדיקע רעדאקציע. א נומער געווידמעט "פינף יונגע דיכטערס"---יהודה הירשפעלד (זעצט איבער די אייגענע לידער פון העברעיש אויף יידיש), מיכאעל באדעמאן (די דייטשע לידער וואס חיהלע איבערזעצט), ישראל פאלקאוויטש (דער פסעוודאנים פונעם רוסישן בחור), אברהם-כאסקל איגעלפעלד און רבקה ראכמאן (וועמענס לידער משה יונגמאן האט איבערגעזעצט). מא דארף מודיע זיין אברהמען אז איך

צוויי וואכן ארום (דעם 1טן אקטאבער) טרעפט זיך די ירושלימער
רעדאקציע און לייענט דורך די גאנצע מאטעריאל פארן צענטן נומער.
דער חבר איגעלפעלד ווערט געבעטן צו שיקן די לידער לופטפאסט צו
זיין ליבן חבר דודן, אפילו ווען אן א בריוול, אבי געשיקט. דער
חבר דוד בענקט נאך זיין חבר אברהם. מיט אלע זיינע גליקן און מיט
אלע אויסטערלישע באגעגענישן פעלט אים אויסעט זיין לעבנס-חבר, ער
זאל זיך קענען אויסטענהן פאר אים, זיך אויסוויינען פאר אים זיך
אויסלעבן מיט אים. דער חבר דוד ווערט סענטעמענטאל און קען זיך אפילו
ניט העלפן. דער חבר דוד האט היינט געהאט אן אינטערוויו אויף קול
ישראל אויף יִדיש. גערעדט וועגן זיך, וועגן זיינע איינדרוקן פון
ישראל, וועגן דעם יוגנטרוף. אין מאסקווע וועט מען עס הערן ווי
אויך אין ישראל. אבער פון אלע זיינע פריינד פעלט אים אויס אברהם,
ווייל כאטש אין באסטאן האט ער זיך ניט געזען מיט אים אזוי אפט,

איגרת אוויר
AEROGRAMME

ישראל 0.40 ISRAEL

RETURNED TO WRITER

Abraham Igelfeld
18 Mt. Auburn Street
Cambridge, Massachusetts
U.S.A.

☐ Left no address
☐ No such number
☐ Moved, not forwardable
☒ Addressee unknown

דואר אוויר
PAR AVION

קפל שלישי

EXPÉDITEUR – SENDER – השולח

דוד-הירש ראסקעס
שכון הסטודנטים 4/775
קרית יובל, ירושלים
Israel

כתובת לא ידוע
INCONNU

CAMBRIDGE MASS. SEP 23 PM 1967

החזר לשולח
ירושלים JERUSALEM

קפל ראשון
קפל שני

האט ער אבער געוווסט אז ער קען אים תמיד אנקלינגען, אז ער איז
גרייט צו הערן און וועט האבן וואס צו דערציילן. מיין קוזין דוד
פארט קיין ישראל אויף דריי יאר. איך זע ניט ווי אזוי. אפילו אנדערט-
האלבן חדשים זיינען שווער אויסצוהאלטן. אבער דוד האט תמיד אן אויס-
וועג: ער באהאלט זיך הינטער זיין ארבעט און זיינע "געזעלשאפטלעכע"
טעטיקייטן. אבי ער איז פארנומען פארגעסט ער אן אלץ. ניטא צו וועמען
צו זינגען יִדישע ליבעס-לידער, זינגט מען צו זיך אליין אין די
שטילע קילע ירושלימער נעכט ווען עס קוקט חוצפהדיק פון אלע ווינקלען
ארויס דריי טויזנט יאר געשיכטע און רופט צו מיר: "היי יִדעלע, מיט
וואס פאר א רעכט קומסטו פארפלאנצן אין מיר א פרעמדן געוויקס. אוועק
פון דאנענט!" פארגעס ניט מיין בקשה.

דוד-הירש